פרשת בלק ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון קי"א

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש



כר אבטח א

שמירת עינים בײַ דער אַרבעט י

עבודה במחשבה ח


## כר אבטח

### בין קודש לחול;

דער חילוק צווישן 'חכמת חיים' און 'אמונה ובטחון'

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור נה, יום ראשון פרשת שלח, ט"ו סיון תש"פ

חלק ב

א

## עושה חדשות; ווען אַ איד איז זיך באמת מבטל פאַר'ן רצון ה', באַשאַפט ער נייע שפע

### די ערשטע שטאַפּל: חכמת חיים

נאָכ'ן פאַרשטיין דער חילוק צווישן 'חכמת חיים' און 'בטחון', קען מען בעז"ה דערהערן דעם ריכטיגן צוגאַנג וויאַזוי זיך אומצוגיין אין אַלע סאָרט מצבים.

דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט אַז **יעדער מענטש איז געבוירן געוואָרן מיט אַ פּונקטליכן חשבון פון הימל**, וויאַזוי זיין מהלך החיים זאָל זיין אויסגעשטעלט. יעדער איינער האָט אַ ספּעציעל באַשטימטע וועג וואָס ער דאַרף אַריבערגיין. געוויסע חלקים פון זיין לעבנס געשיכטע ברענגען אים הנאה, און אַנדערע חלקים שמעקן אים נישט אַזוי שטאַרק... אָבער איידער ער איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט, נאָך זייענדיג אויבן אין הימל, **האָט זיין נשמה מסכים געווען דערצו, ווייל זי האָט געזען דעם גרויסן תכלית דערפון.** נאַר אַצינד, ווען ער טרעפט זיך אָן מיט דעם נעגאַטיוון חלק אין לעבן, וויל ער דאָס נישט אַקצעפּטירן. ער שפּירט אַ געפיל פון "האַלאָ, כ'האָב געהאַלטן אינמיטן אַ רואיג לעבן, און דאָ פּלוצים איז געשען עפּעס אַנדערש ווי כ'האָב זיך געראָכטן"...

### ריכטיגע מחשבות פון חכמת חיים

דאַרף דעריבער אַ איד זיך צוגעוואוינען צו לעבן מיט חכמת חיים, כדי אַז ווען ס'פּאַסירט אַזאַ זאַך זאָל ער זיך איינ'חזר'ן: **איך גיי סייווי נישט קענען טוישן דעם מצב! באַרואיג זיך!** איך גיי נישט משקיע זיין, נישט קיין געלט און נישט קיין ענערגיע. **איך גיי נישט אַוועקגעבן מיין לעבן צו טוישן דאָס מציאות, ווייל ס'וועט סייווי גאָרנישט קענען טוישן.** וויסט פאַרוואָס? ווייל איך בין געקומען דאָ אויף דער וועלט טאַקע צוליב די סיבה! **די גאַנצע תכלית פאַרוואָס מ'האָט מיך דאָ אַראָפּגעשיקט איז געווען צוליב דעם!** אויב אַזוי, אַנשטאָט איך זאָל אויסנוצן מיינע כוחות זיך צו קריגן מיט'ן מצב, וועל איך משלים זיין מיט'ן מציאות. איך האָב דאך אַזויפיל אַנדערע זאַכן אין לעבן וואו ס'גייט מיר יאָ גוט. אויב אַזוי וועל איך אַריינלייגן די שווערע חלק, אין דעם קאַטעגאָריע פון 'זאַכן וואָס באַדערן מיך נישט'.

### די צווייטע שטאַפּל: אמונה ובטחון

דאָס איז די ערשטע שטאַפּל וואָס ווערט אָנגערופן חכמת חיים, און ס'איז אויך ריכטיג על פי תורה, ווייל **דער רבוש"ע וויל נישט אַז דו זאָלסט זיך קריגן מיט'ן מצב.** דער רצון ה' איז, אַז דו זאָלסט זיך לאָזן פירן.

אָבער אַצינד דאַרף מען אַרויפגיין צום קומענדיגן שטאַפּל. ביסטו דען געקומען אויף דער וועלט בלויז אַז זאַכן זאלן דיר נישט באַדערן? **איז דען דער תכלית פון אַ איד אַז בסך הכל זאָל ער שלום מאַכן מיט'ן מציאות ווען עפּעס גייט נישט וויאַזוי ער וויל?** ביסט דאך דאָ געקומען כדי צו אַנערקענען און שפּירן אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט!

ווען ס'קומט אונטער אַ שווערע מצב, טאָמער גייסטו זיך בלויז אַרויסדרייען דערפון, און זאָגן "עס גייט מיך נישט אן", קען דאָס צומאָל זיין ווי אַ טאַטע וואָס איז מעניש זיין קינד און דאָס יונגל זאָגט: "עס טוט מיר אפילו נישט וויי..."

די אמת'ע תכלית איז, צו נעמען דעם מצב און זיך לאָזן פירן, אָבער **מ'זאָל דערביי געדענקן אַז דער רבוש"ע פירט מיך דאָ!** איך האָב נישט קיין צער, ווייל ס'איז דאָ אַ העכערע חשבון און איך פאַרלאָז זיך אויפ'ן אויבערשטן! איך האָב אַ שמחה טראָצדעם וואָס איך בין אין אַ מצב פון סכנה אָדער פּחד. איך בין זיך מחזק אַז ס'וועט קומען בעסערע צייטן, **נישט ווייל 'עס וועט זיין גוט', נאר ווייל דער רבוש"ע איז אַ טוב ומטיב!**

### קבלת יסורים ברענגט דביקות בהשי"ת

ווען אַ איד טוט דאָס אויף אַזאַ סאָרט אופן, וועט ער דורכדעם מקיים זיין וואָס **חז"ל** זאָגן (ברכות סב, א) 'קבלה דיסורי שתיקותא'. ער נעמט אן די יסורים באהבה, ער קאמאנדעוועט נישט, ער קריגט זיך נישט מיט'ן מציאות, דאָס גייט אים נישט בלויז ברענגען אַ רואיגע געשמאַקע לעבן, **נאָר ער גייט דורכדעם אָנקומען צו זיין תפקיד!** ווייל דער מצב וועט אים מאַכן דבוק צום רבוש"ע.

### אַ איד דאַרף עפּעס העכערס ערגעץ

להבדיל, ווען אַ גוי גייט דורך אַ שווערע איבערלעבעניש, האָט ער פאַרשידענע מהלכים וויאַזוי צו מסיח דעת זיין דערפון. **ער קען זיך אנ'שיכור'ן** צו פאַרגעסן פון זיינע פּראָבלעמען, ער קענען **נעמען פאַרשידענע זאַכן** וואָס זאָלן אים פאַרטייבן דעם מח, ער קען אַוועקפאָרן ערגעץ **זיך אויסצולופטערן**, און אויב זיינע עלטערן האָבן אים מחנך געווען מיט מער חכמת חיים, וועט ער פּשוט


קורא יקר! הפצת הגליון תלוי בהשתתפותך!

לנדב וליטול חלק בההוצאות המרובות לזכות את הרבים נא לצלצל

718.387.1122 EXT 5

מסיח דעת זיין מיט'ן חשבון אַז ס'לוינט זיך נישט צו פאַרלירן דעם טעם פון לעבן צוליב קלייניגקייטן.

טאָמער אַ איד וועט מסיח דעת זיין מיט'ן זעלבן חשבון, כדי נישט צו ווערן געשטערט פונעם לעבן, **איז דאָס פופציג פּראָצענט אויסגעהאַלטן.** למעשה קריגט ער זיך נישט מיט'ן מצב און זיין לעבן וועט זיין רואיגער. ס'האָט אַ שורש אין דער תורה. ווייל אויב ס'שטימט מיט'ן סדר העולם, שטימט עס מיט דער חכמת התורה, אָבער נישט אויף דעם איז אַ איד אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט!

אַ איד איז אַראָפּגעקומען דאָ, **כדי צו זיין דבוק אין השי"ת.** אויב דו וועסט זיך מחזק זיין מיט אמונה ובטחון אין דעם מצב, דעמאָלט וועסטו נישט בלויז זיין רואיג, נאר דו וועסט אָנקומען צו דיין תכלית החיים!

### די דריטע שטאַפּל: אַראָפּברענגען פרישע שפע

און אַצינד קומט די דריטע שטאַפּל. נאָכדעם וואָס אַ איד גייט דורך די צווייטע שטאַפּל, צו באַרואיגן זיינע ווייטאָגן דורך אמונה ובטחון, **וועט זיך אים עפענען אַ טירעלע צו אַ גרויסן סוד פון דער תורה הק'**, וואָס דער רבוש"ע האָט נאָר אויסגעזאָגט פאַר אידישע קינדער, און דערויף איז געזאָגט געוואָרן 'תורה בגוים אל תאמין'. וואָס איז דער סוד? **אַז מ'קען יאָ עפּעס טון!** ס'איז יאָ דאָ אַ לעזונג און אַ פּתרון אפילו פאר דעם שווערסטן מצב.

דאָס איז אַזויווי איינער קומט אַמאָל אַריין צו אַ גרויסן אַדוואָקאַט וואָס זיין אָפיס איז פול מיט מענטשן. ער פאַרציילט פאַר'ן אַדוואָקאַט אַז ער איז פאַרפּלאָנטערט מיט גאָר אַ קאָמפּליצירטע פּרשה, און דער אַדוואָקאַט זאָגט אים הויעך: "אַנטשולדיגט, איך קען דיר נישט העלפן". אָבער דאַן ווינקט ער אים שטילערהייט מיט די אויגן אַז ער זאָל בלייבן דאָ נאָכדעם וואָס אַלע וועלן אַרויסגיין. שפּעטער, ווען ס'איז שוין ליידיג, זאָגט אים דער אַדוואָקאַט:

> **איך בין דאָ אַראָפּגעקומען צו האָבן אמונה, און צו משלים זיין מיט'ן פּלאַן פון השי"ת**

"ס'איז יאָ דאָ עפּעס אַ באַהאַלטענע מהלך וויאַזוי דו קענסט זיך אַרויסדרייען, כ'האָב נאר נישט געוואָלט אַז די אַרומיגע זאלן הערן"...

### זיך מדבק זיין אין דעם 'מקור השפע'

נאָכ'ן דורכגיין דעם שטאַפּל פון חכמת חיים, און נאָכ'ן דורכגיין דעם שטאַפּל פון אמונה ובטחון, איז דאָ אַ סוד פון דער תורה הק', **וויאַזוי אַ מענטש קען יאָ טוישן זיין מצב.** דאָס איז טאַקע נישט געגעבן געוואָרן פאַר גוים. ס'איז אַ סוד בלויז פאַר אידישע קינדער.

די תורה הק' האָט אונז געגעבן אַ מהלך, אַז ווען אַ מענטש איז זיך מדבק צו השי"ת, קומט ער אָן צום 'מקור השפע', און דורכדעם איז ער אויטאָמאַטיש ממשיך פרישע שפע. **אַ איד האָט דעם כח צו באַשאַפן נייע וועלטן מיט גוטע השפעות!**

אָבער דאָס איז אַ סוד, **ס'איז נישט קיין זאַך וואָס מ'קען דערציילן פאר יעדעס יונגעלע**, ווייל דעמאָלט וואָלט יעדער וואָס האָט אַ קאָמפּליצירטע געריכט, אַריינגעקומען צום גרויסן שופט און אויסגעשריגן מיט אַ שמייכל: "איך האָב געהערט אַז מ'קען באַקומען עפּעס אן אויסוועג אונטער'ן טיש"... אודאי וועט אים דער שופט אַוועקשיקן, ווייל **ס'איז נישט געמאַכט צו רעדן דערפון ברבים.** דער סוד איז נישט עפּעס וואָס מ'טיילט אויס 'אָווער די קאַונטער', פאר יעדן איינעם, עובר לסוחר.

### האָבן בטחון מיט אַ ריינע כוונה

דאָס איז אַ סוד פון דער תורה הק', אַז ווען אַ איד האָט אַ ריינע כוונה זיך צו מדבק זיין צום אויבערשטן, **דעמאָלט וועט ער אָנקומען צו דעם 'מקור השפע'** און ס'וועט אים עפענען פרישע השפעות טובות.

ווילאַנג דער מענטש וויל זיך בלויז גרינגער מאַכן דאָס לעבן, און כדי דאָס צו ערררייכן פּרובירט ער צו נוצן צדקה, אָדער תפלה, אָדער בטחון, אָדער סגולות, אָדער מקומות הק', כדי זיך אַרויסצודרייען פון דעם מצב, **וועט אים דאָס נישט העלפן!**

ס'וועט אים זיכער נישט העלפן לויט'ן שטאַפּל פון אמונה ובטחון, ווייל ער איז דאָך נישט געוואָרן דבוק צו השי"ת, און ס'וועט אים אויך נישט העלפן מצד דעם שטאַפּל פון 'חכמת חיים', ווייל ווען די סגולה גייט נישט אַרבעטן, וועט ער ווערן אויפגערעגט אויף אַלע סגולות, אויף אַלע מקובלים און אויף די מקומות הק', **ווייל ער האָט פאַרפעלט די עיקר נקודה!** ער האָט געהערט אַז ס'איז דאָ עפּעס אַ סוד אָבער ער האָט עס נישט געטון מיט אַ ריינע כוונה. דעריבער וועט עס נישט העלפן, נישט על פי חכמת חיים און זיכער נישט על פי אמונה ובטחון.

דער סוד אַרבעט **בלויז ווען דער מענטש וויל זיך מדבק זיין צו השי"ת.** אָבער אויב זיין גאַנצע מחשבה איז נאָר 'וויאַזוי קען איך טוישן דעם מצב', האָט ער זיך נישט מדבק געווען אין דעם אויבערשטן. דעמאָלט **וועט עס אודאי נישט אַרבעטן.** ער קלאַפּט אויפ'ן טיר מיט סגולות, אָבער די טיר איז פאַרשלאָסן.

ב

## סמא דיסורי קבולי; בטחון איז אַ מעדעצין וואָס איז מבטל די שווערע מצבים

### קודם חכמת חיים, נאָכדעם אמונה ובטחון

די ריכטיגע מהלך גייט שטאַפּלווייז. צוערשט דאַרף מען כאַפּן **דעם ערשטן שטאַפּל פון 'חכמת חיים'.** מ'זאָל אַרבעטן אויף זיך, צו אָננעמען שוועריגקייטן רואיג, פּשוט כדי צו בלייבן געזונט און נישט כאַפּן קיין הארץ אַטאַקעס פון יעדע זאַך וואָס גייט אַנדערש ווי דער פּלאַן.

די צווייטע שטאַפּל איז אמונה ובטחון. צו פאַרשטיין אַז איך בין נישט געקומען אויף דער וועלט בלויז כדי צו משלים זיין מיט'ן מצב. **איך בין דאָ אַראָפּגעקומען צו האָבן אמונה, און צו משלים זיין מיט'ן פּלאַן פון השי"ת.** נישט ווייל דאָס איז אַ מיטל צו באַקומען די זאַך וואָס כ'וויל, נאר פּשוט זיך צו מבטל זיין פאַר'ן רצון ה'.

### אמונה אָן קיין חשבונות

אַמאָל איז דאָ אַ מענטש וואָס זאָגט: איך האָב געהערט אָדער געזען אין אַ ספר אַז אויב כ'וועל האָבן אמונה און משלים זיין מיט'ן מצב, וועט השי"ת מיר יאָ געבן... ביסט זיכער? אָקעי, כ'בין משלים מיט'ן מצב. נו כ'קען עס שוין האָבן?...

ניין, **נישט פון דעם רעדט מען.** דאָס איז אַזויווי אַ ישיבה קטנה בחור וואָס מ'האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון ישיבה, און מ'איז מסביר פאר די עלטערן אַז ס'איז וויכטיג אַז דער בחור זאָל זיך קומען בעטן מיט הכנעה, דעמאָלט וועט מען אים קענען צוריק נעמען אין ישיבה. אָבער דער בחור קומט אָן מיט אַ פאָראויס געשריבענע נוסח: "איך האָב געטון אַן עוולה. זאָג מיר, כ'קען שוין צוריק אַריינקומען?"... נישט דאָס האָט מען געמיינט צו זאָגן...

### נאר אַ איד קען האָבן ריינע בטחון

די אמת'ע מהלך איז, זיך צו פאַרלאָזן אויף השי"ת בלויז ווייל דער רבוש"ע טוט זיכער דאָס בעסטע פאר מיר. דאָס איז אַ גרויסע עבודה, **צו האָבן בטחון אָן קיין שום רצון אַז עפּעס זאָל זיך טוישן אין מיין מצב.** דאס איז אַ סוד וואָס מ'קען נאר אויסזאָגן פאַר אידישע קינדער, סוד ה' ליראיו. דער סוד אַרבעט בלויז ווען מ'איז זיך אינגאַנצן מדבק צו השי"ת. אויב מ'וועט עס זאָגן פאר אַ גוי וועט ער דאָס נוצן צו באַקומען די שפע און דעמאָלט וועט ער פאַרלירן די גאַנצע געדאַנק דערפון.

דער סימן אויב ס'איז טאַקע אמת'ע בטחון אָדער נישט, זאָגט שוין דוד המלך ע"ה (תהלים פד, יג): **אשרי אדם בוטח בך.** אויב דו שפּירסט גליקליך, אפילו אויב גאָרנישט האָט זיך נישט געטוישט, איז דאָס **אַ באַווייז אַז דו האסט באמת משלים געווען**

**מיט'ן רצון ה'.** אויב דו האסט נישט קיין שום טענות, דעמאָלט איז דאָס די ריכטיגע בטחון.

## קבלת יסורים באַשאַפט דעם מעדיצין

ווען אַ איד טוט אָט די עבודה; ער האָט נישט קיין שום טענות אויף זיין מצב, און אַלעמאָל זאָגט ער 'והטוב בעיניך עשה'; איך בין אַ בשר ודם. **כ'האָב טאַקע גע'חלומ'ט אַז ס'זאָל זיין אַנדערש, אָבער אודאי ווייסט דער רבוש"ע וואָס ער טוט,** און איך דאַנק אים דערפאַר. איך וואַרט נישט אַז ס'זאָל זיך טוישן די מצב יעצט אויף דער מינוט.

דעמאָלט וועט נתקיים ווערן וואָס דער **אור החיים הק'** זאָגט אין פרשת ויגש (מד, ז): **'סמא דיסורי קבולי' - די רפואה פאר יסורים איז, ווען מ'איז עס מקבל באהבה.** ווייל ווען דו האסט זיך באמת פאַרלאָזט אויף השי"ת, האָסטו זיך מדבק געווען צום אויבערשטן, און **אַז דו האסט זיך מדבק געווען צו השי"ת קומט אַראָפ אַ נייע שפע.** ווי דער פסוק זאָגט (תהלים לב, י) 'הבוטח בה' חסד יסובבנו' - דער בוטח בה' באַקומט אַ פרישע שפע.

## דער גוי קען דאָס נישט באַגרייפן

דאָס איז דער סוד פון דער תורה הק', און דאָס איז די באַדייט פון 'חכמה בגוים תאמין, תורה בגוים אל תאמין'. מ'קען נוצן חכמת חיים און ס'זאָל זיין טויזנט פראָצענט אויסגעהאַלטן על פי תורה. דעריבער איז טאַקע דאָ אַזאַ מושג צומאָל אַז מ'גייט צו אַ מומחה וואָס פאַרשטייט צו תורת הנפש, ווייל אויב עס אַרבעט, דעמאָלט זענען די זאַכן בעצם ריכטיג און ס'האָט אַ שורש אין תורה. ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע חכמה אויסער חכמת התורה וואָס מיט דער חכמה האָט השי"ת באַשאַפן די וועלט. דער גוי האָט צוגעטראָפן צו אַ חלק פון תורה אָן וויסן פאַרוואָס און פאַרווען. **אָבער די טיפע סוד פון דער תורה קען אַ גוי נישט משיג זיין,** ווייל זיי האָבן נישט געזאָגט קיין נעשה ונשמע, פאַרוואָס האָבן זיי נישט געזאָגט קיין נעשה ונשמע? ווייל **בשורש פון אַ גוי פאַרלאָזט ער זיך נישט אויפ'ן אויבערשטן.**

איינער וואָס פאַרלאָזט זיך נישט אויף השי"ת **קען באַקומען שפע בלויז פון די 'אחוריים'.** ער קען וויסן עצות און סגולות, אָבער די אַלע זאַכן וועלן אים נישט העלפן זיך אַרויסדרייען פון דעם מצב, ווייל **מיט חכמת חיים קען מען נישט טוישן אַ מציאות.** אָבער איינער וואָס גייט מיט אמונה ובטחון וועט די בטחון אים ברענגען צו דביקות, און **דביקות ברענגט יאָ אַראָפ אַ נייע שפע פון הימל.** זיין מצב וועט זיך בפועל טוישן צום גוטן!

## אַ תפלה מיט ביטול צו השי"ת

הערשט יעצט, נאָכדעם וואָס אַ איד איז שוין אינגאַנצן בטל צום רבוש"ע מיט אַ פולקאָמע בטחון; **דוקא אצינד ווערט זיין תפלה אָנגערופן 'אַ ריכטיגע תפלה',** וואָס עפענט אים אַ טירל צו ברענגען פרישע וועלטן פון שפע.

ווען דער בוטח בה' דאַוונט אַ תפלה, טראַכט ער אַלעמאָל: **"איך ווייס נישט וואָס איז גוט פאר מיר, איך בין מתפלל ווייל דער רצון ה' איז אַז מ'זאָל דאַוונען.** אָבער אויב די זאַך איז נישט גוט פאר מיר דעמאָלט 'הטוב בעיניך עשה'". ער שפירט באמת אַזוי! ער וואַרט נישט אַז די תפלה זאל שוין יעצט נתקיים ווערן, אויף דער סעקונדע. ער לעבט מיט אַ געוואַלדיגע ביטול און ער איז מתפלל בלויז ווייל דער רבוש"ע האָט געגעבן אַ מצוה פון דאַוונען.

## אַ מציאות קען זיך טוישן בלויז דורך פרישע שפע

אַזאַ תפלה, וואָס קומט מיט אַ דביקות און ביטול, **קען טאַקע העלפן.** אַזאַ סאָרט צדקה, אַזאַ סאָרט קברי צדיקים, אַזאַ סאָרט סגולה, וועט בעז"ה פועל'ן, **ווייל ס'ווערט געטון מיט אַ כוונה אַז 'איך בין בטל פאַר'ן רבוש"ע'.** דאָס איז די איינציגע מהלך וויאַזוי אַ מענטש קען באמת טוישן זיין מצב. סתם אַזוי איז דאָך אוממעגליך פאַר'ן מענטש צו אַליין אַרומטוישן זיין סיטואַציע, בלויז ווייל ער האָט מחליט געווען אַזוי.

אויב דו זעסט אַז ס'איז יאָ געשען אַ טויש, דעמאָלט איז דאָ צוויי סיבות דערצו: **אָדער וואָלט עס סייווי געשען,** אויך אָן די סגולה, ווייל ס'איז לכתחלה געווען אַזוי באַשערט. אָדער איז עס געשען ווייל **דער מענטש האָט זיך באמת מדבק געווען צו השי"ת** און ער האָט געהאַט אַ ריכטיגע ביטול, דערפאַר האָט ער באַקומען נייע שפע פון הימל.

באמת איז דאָס טאַקע אַן עבודה פון אַגאַנץ לעבן, **ס'איז אַן 'עבודת החיים' אַז מ'זאָל זיך מבטל זיין פאַר'ן אויבערשטן אין אַלע מצבים** און מ'זאָל זיך לאָזן פירן דורך השי"ת מיט אַן אמונה אַז ער פירט אַלעס פאר אונזער טובה.

ג

# על פי ה' יחנו; אַ געשמאַקע לעבן אין אַלע אומשטענדן

**אַלע מסעות לויט די ענני** ס'איז דאָ אַ הייליג לשון פון דעם **רמב"ן** אין פרשת בהעלותך, וואָס מ'דאַרף לעבן דערמיט. **ס'איז אַ שפּראַך פון אַ ראשון, וואָס רעדט ממש וועגן אונזער טאָג טעגליכע עבודת החיים,** זיך צו לאָזן פירן פון השי"ת אויפ'ן ריכטיגן אופן.

דער רמב"ן איז מסביר די פסוקים וואו די תורה פאַרציילט מיט אַן אריכות **וויאַזוי ס'איז צוגעגאַנגען די מסעות פון אידישע קינדער דורך די ענני הכבוד.** די פסוקים דערמאַנען אַז אַלעס האָט זיך געוואָנדן לויט וויאַזוי די ענני הכבוד האָבן גערוהט. צומאָל איז דער ענן געווען אויפ'ן משכן **'ימים רבים',** דעמאָלט זענען אידן געבליבן אויף דעם זעלבן פלאַץ **'ושמרו בני ישראל את משמרת ה' ולא יסעו'.** צומאָל איז דער ענן געשטאַנען נאר **'ימים מספר'.** איז דעמאָלט אויך געווען **'על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו'.** אַמאָל האָט דער ענן גערוהט בלויז **'מערב עד בוקר'** אָדער **'יום ולילה',** אָדער **'יומיים',** אָדער אַ **'חודש'.** אידישע קינדער זענען אַלעמאָל געבליבן שטיין אָדער געפארן ווייטער, לויט וויאַזוי דער ענן האָט געוויזן, און דער פסוק חזר'ט איבער נאָכאַמאָל אַז **'על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו'.**

## זיך 'יאָ' אויפגעהאַלטן על פי ה'

איז דער הייליגער רמב"ן מבאר, אַז דאָס איז געווען די עבודה פון אידן אין מדבר. **זיי האָבן זיך געדאַרפט צוגעוואוינען אַגאַנצן צייט צו מסכים זיין און זיך מבטל זיין צום רצון ה'.** אויב דער רבוש"ע זאָגט אַז יעצט זאָל מען פאָרן, פאָרט מען, און אויב השי"ת זאָגט אַז נישט, איז נישט.

דער רמב"ן שמועסט אויס, אַז צומאָל איז דער ענן געווען אויף איין אָרט גאָר אַ לאַנגע צייט, און **ס'איז נישט געווען קיין באַ'טעמ'טע פלאַץ.** אידן האָבן שוין געוואָלט גיין ווייטער.

דאָס איז אַ שטייגער ווי ס'מאַכט זיך צומאָל, אַז אַ ציבור אידן פאָרן אויף אַ נסיעה מיט אַ באָס, און איינער פון די רייזנדע האָט אָפּגעשטעלט דעם באָס אינמיטן וועג, און ער האַלט אויף יעדן איינעם. דער גאַנצער עולם הייבט אָן זאָגן: "נו, **לאָמיר שוין פארן ווייטער, קום שוין צוריק אַרויף אויפ'ן באָס,** מ'קען זיך נישט דאָ אויפהאַלטן אַזוי לאַנג"...

אידן אין מדבר זענען געווען אין אַזאַ מצב, זיי זענען דאָך געגאַנגען אין וועג מיט אַ ציל אָנצוקומען, ווי דער רמב"ן זאָגט דאָס לשון: **'והיו חפצים ומתאוים מאד לנסוע מן המקום'** - זיי האָבן געוואָלט זייער שטאַרק אַוועקפאָרן, אָבער דער רבוש"ע זאָגט אַז מ'זאָל דאָ זיצן. **ווילאַנג? קיינער ווייסט נישט.** אפשר אַ יאָר, אפשר אַהאַלב יאָר. מ'האָט נישט קיין מושג. אָבער אידן האָבן נישט עובר געווען אויפ'ן רצון ה', זיי האָבן געהאַט יראת שמים און זיי האָבן געפאָלגט.

## זיך 'נישט' אויפגעהאַלטן על פי ה'

זאָגט דער רמב"ן ווייטער, אַז דערנאָך שטייט אין פסוק אַ פאַרקערטע סיטואַציע. צומאָל זענען אידן געגאַנגען אין וועג און בייטאָג און ביינאַכט אָן קיין אָפּשטעל, **ענדליך איז מען אָנגעקומען צו אַ פּלאַץ און מ'האָט זיך שוין געוואָלט אַביסל באַרואיגן.** אָבער נאָך עטליכע שעה האָט דער ענן זיך אויפגעהויבן, אַלץ אַ סימן אַז מ'דאַרף פאָרן ווייטער.

ס'איז טאַקע געווען זייער שווער און אַ גרויסע טרחא, אָבער אַז דער רבוש"ע האָט געזאָגט אַז יעצט גייט מען, האָבן אידן געפאָלגט און זענען געגאַנגען ווייטער. **אָבער מ'האָט דאָך אַקאָרשט געענדיגט אויספּאַקן אַלע חפצים? היתכן אַז מ'דאַרף זיך אויפהייבן און פארן ווייטער?** זיי האָבן נישט געפרעגט אַזעלכע קשיות. צומאָל האָט מען זיך אפילו אָפּגעשטעלט בלויז אויף איין נאַכט, און גלייך צופרי איז מען געפארן ווייטער. על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו!

## מעשה אבות סימן לבנים

דער רבוש"ע האָט געוואָלט מרגיל זיין אידישע קינדער, איידער זיי גייען אַריין קיין ארץ ישראל, אַז זיי זאָלן זיך מבטל זיין פאַר'ן רצון ה', ווייל אַזוי דאַרף אַ מענטש פירן זיין לעבן.

צומאָל טרעפט זיך אַ איד אַז זיין לעבן פאָרט אויף אַ גלייכע מהלך, אָבער פלוצלינג האָט זיך אַלעס אָפּגעשטעלט. יעצט קען מען נישט פאָרן. **ווי לאַנג גייט עס געדויערן? קיינער ווייסט נישט.** או חודש ימים, או יומיים, אַ יאָר, אַנדערהאַלבן יאָר, מ'ווייסט נישט. יעצט זיצט מען אויף איין פלאַץ, ווייל דאָס איז דער רצון ה'. טראַצדעם וואָס ס'טוט ווייי, איז מען דאָס מקבל באהבה און מ'לאָזט זיך פירן.

צומאל איז דאָ מצבים וואָס זענען פונקט פאַרקערט. דער מענטש האָט שוין ענדליך זיך אַראָפּגעזעצט ערגעץ. בקש יעקב לישב בשלוה, זאַכן האָבן זיך ב"ה באַרואיגט. אָבער **דאַן דאַרף מען פלוצלינג גיין ווייטער, ווייל אַזוי האָט השי"ת געזאָגט.** דערפאַר חזר'ן די פסוקים איבער דריי מאָל דאָס לשון 'על פי ה' יחנו ועל פי יסעו'. דער רמב"ן לערנט אַז **די פסוקים זענען אַ לימוד וויאַזוי אַ איד דאַרף זיך פירן אין לעבן.** ושמרו את משמרת ה'! אַ איד דאַרף אַלעמאָל מיטגיין מיט'ן פלאַן פון דעם רבוש"ע. סיי ווען מ'הייסט אים גיין און סיי ווען מ'הייסט אים זיך אָפּשטעלן.

## אַ נסיעה צום עולם האמת

דאָס איז אויך נוגע ווען אַ מענטש ווערט ל"ע נפטר פון דער וועלט. אין ספה"ק **בית אהרן** (סוף פרשת בהעלותך) איז געדרוקט דאָס לעצטע תורה וואָס הרה"ק רבי **אהרן מקאַרלין** זי"ע האָט געזאָגט שב"ק פרשת בהעלותך שנת תרל"ב, אַ טאָג פאַר זיין הסתלקות לחיי העולם הבא, אַז **יעדע נשמה איז אַראָפּגעקומען מיט אַ תכלית צו מתקן זיין ניצוצות דקדושה.** ס'איז דאָ אַ תפקיד פון 'על פי ה' יחנו' אויף דער וועלט, און ווען די נשמה האָט געענדיגט איר תפקיד, דעמאָלט איז 'ובהעלותו יסעו' - מ'גייט צוריק אַרויף אויבן.

דער מענטש האָט געהאַלטן אינמיטן אַזויפיל פּראָיעקטן אין לעבן, און פלוצלינג איז ער אַוועקגענומען געוואָרן. ס'איז אַ גרויסע צער פאַר די משפחה און די אַרומיגע, אָבער **אידישע קינדער גלייבן אַז דאָס איז אויך אַ נסיעה וואָס 'על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו'**, און דעריבער קען מען זיך טרייסטן, ווייל ס'איז אַ נסיעה מיט אַ הימלישע חשבון.

## יעדן טאָג בטחון - יעדן טאָג דביקות

ווען אַ מענטש געוואוינט זיך איין צו לעבן אַזוי, **דעמאָלט ווערט ער האָבן אַ באַ'טעמ'טע לעבן אַלעמאָל אין אַלע אומשטענדן.** יעדע קלענערע אָדער גרעסערע זאַך וואָס גייט אים נישט וויאַזוי ער האָט געוואָלט, וועט ער אָננעמען מיט אַ געוואַלדיגע הנאה!

דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט במציאות אַז ס'איז נישטאָ קיין טאָג וואָס אַ מענטש איז נישט אָנגעוויזן אויף דעם חכמת חיים'דיגן צוגאַנג, נישט זיך צו נעמען צום האַרץ פון זאַכן וואָס פּאַסירן מיט אים.

ווערט איינער פרעגן אַ שאלה: **פאַרוואָס טאַקע האָט השי"ת געמאַכט אַז דאָס זאָל זיין נוגע יעדן איינציגן טאָג?** די תירוץ איז, ווייל **אַ מענטש דאַרף זיך מחזק זיין מיט אמונה ובטחון יעדן טאָג.** דעריבער האָט השי"ת אויסגעשטעלט די טבע, אַז יעדער מענטש - אפילו אַ גוי - דאַרף טרעפן מיטלען פון חכמת חיים, צו קענען אָנגיין מיט'ן לעבן. אָבער אַן ערליכער איד וועט קענען אויסנוצן די געלעגנהייט, זיך נישט צו באַגענוגן בלויז מיט חכמת חיים, נאר זיך צו מחזק זיין מיט אמונה ובטחון, און **דורכדעם ווערט ער יעדן טאָג מער דבוק צום רבוש"ע**, און ער פאַרדינט עולם הזה און עולם הבא.

## קבלת יסורים ברענגט שפע און איז מבטל דינים

אַזוי שטייט קלאָרע ווערטער אין ספר יש נוחלין, פון דער טאַטע פונעם של"ה הק', בשם דעם ספר שר שלום, וזה לשונו: **אֵין רָאוּי לָאָדָם לְהִצְטַעֵר יוֹתֵר מִדַּי עַל הָרָעוֹת, מִפְּנֵי שֶׁהָרָעוֹת הַבָּאוֹת עַל הַצַּדִּיק בָּעוֹלָם הַזֶּה הֵן לְטוֹבָתוֹ כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לָעוֹלָם הַבָּא** - זיי זיך נישט אַזויפיל מצער ווען ס'קומט חלילה אַ שלעכטס, ווייל יעדע זאַך איז מיט אַ חשבון פאַר דיין טובה. **וְאִם יְקַבֵּל עָלָיו הָרָעוֹת מֵאַהֲבָה, אָז כַּאֲשֶׁר יַחֲנוּ עוֹד עָלָיו מְעַט, מְהֵרָה מִמֶּנּוּ יִסָּעוּ** - וואָס גיכער דו ווילסט ענדיגן מצב, נעם עס שנעלער אָן, ווערט עס ממילא בטל ווערן שנעלער. ווייל ווען דו ביסט מקבל דעם מצב, לייגסטו דאָרט אַריין אלוקות, און דורכדעם וועט קומען אַ נייע שפע.

**וְאִם לֹא יְקַבֵּל הַיִּסּוּרִים בְּאַהֲבָה, אָז יִהְיֶה לוֹ הַצַּעַר יוֹתֵר גָּדוֹל** - טאָמער דער מענטש קריגט זיך מיט'ן מצב, איז נישט בלויז וואָס ער האָט נישט קיין חכמת חיים און ער גייט זיך מוטשען, אָבער נאָכמער, מאַכט ער בפועל אַז ס'זאָל געדויערן לענגער! **וְהַצַּעַר וְהַדְּאָגָה לֹא יוֹעִילוּ לוֹ וְלֹא יַצִּילוּ אוֹתוֹ מֵרָעוֹת, וְאַדְּרַבָּא מִי שֶׁהוּא בּוֹעֵט וּמוֹאֵס בְּיִסּוּרָיו, אָז מַאֲרִיכִין לוֹ וּמוֹסִיפִין לוֹ יִסּוּרִין.** דער מענטש לייגט זיך אַריין אונטער די שליטה פון די דינים. אין צוגאָב צו זיין עגמת נפש, איז ער נאָך ממשיך אויף זיך נאָך דינים, און ער פאַרלירט בלויז דערפון.

## בטחון איז די בעסטע אינוועסטמענט

עס לוינט זיך צו אינוועסטירן אין אָט דעם עבודת החיים, ווייל **וויפיל מער אַ מענטש אַרבעט צו אָננעמען דעם מצב מיט אַ ביטול לה', וועט אים דאָס ווערן גרינגער און געשמאַקער.** ווי דער בריסקער רב **הגרי"ז** זצ"ל האָט געזאָגט אַז דער שכר פון בטחון איז בטחון. אַ איד וואָס טראַכט מחשבות פון בטחון, וועט באַקומען מער רואיגקייט און מער בטחון.

ווען איינער אַרבעט בלויז מיט חכמת חיים, וועט ער טאַקע אין געוועגליכע אומשטענדן זיין אַ רואיגער מענטש, מ'וועט זיך קענען גרינג אויסקומען מיט אים. אָבער **טאָמער גייט ער זיך טרעפן אין אַ מצב וואָס רירט אָן זיין פּינטל, וועט ער שוין נישט קענען זיך איינהאַלטן.** זיין גאַנצע רואיגקייט איז נאָר געווען ווייל ס'האָט זיך אים געלוינט צו זיין דער געשמאַקער מענטש אין שול, אָדער מיט די שכינים, אָדער מיט די משפחה. אָבער ווען ס'רירט אים שוין אָן אין פּינטל און ער שפּירט אַז ער פאַרלירט אַלעס, וועט ער מאַכן דעם חשבון אַז אַלעס האָט אַ גרעניץ. **ס'איז דאָ אַ גבול וויפיל ס'לוינט זיך צו מוסר נפש זיין כדי צו בלייבן דער געשמאַקער מענטש...** ערגעץ וואו גייט ער זיך פאַרלירן, אַ מענטש איז דאך אַ מענטש.

דאַקעגן, טאָמער אַ איד אַרבעט אויף בטחון, צו אָננעמען זיינע קליינע טאָג-טעגליכע שוועריקייטן, נישט צוליב חכמת חיים, נאר ווייל ער איז זיך מבטל צום רצון ה', דעמאָלט איז ער זוכה צו באַקומען נאָך בטחון, אַלס שכר פאַר זיין בטחון. **אַזאַ איד וועט קענען אויך מוותר זיין ווען ס'רירט אים אָן אין פּינטל!** אָט די כוחות קען מען נאר באַקומען פון דעם רבוש"ע אַליין. ס'איז אַ שכר וואָס מען פאַרדינט זיך אויב מ'האָט געאַרבעט אויף בטחון.

פאַרוואָס טאַקע האָט השי"ת געמאַכט אַז 'אמונה' זאָל זיין נוגע יעדן איינציגן טאָג?

### אותיות מחכימות

רמב"ן בהעלותך ט, טז

וְטַעַם 'וּבְהַאֲרִיךְ הֶעָנָן' - לוֹמַר כִּי אִם יַאֲרִיךְ הֶעָנָן עַל הַמִּשְׁכָּן יָמִים רַבִּים וְהַמָּקוֹם הַהוּא אֵינֶנּוּ טוֹב בְּעֵינֵיהֶם וְהָיוּ חֲפֵצִים וּמִתְאַוִּים מְאֹד לִנְסֹעַ מִן הַמָּקוֹם אעפ"כ לֹא יַעַבְרוּ עַל רְצוֹן הַשֵּׁם וְזֶה טַעַם 'וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת מִשְׁמֶרֶת ה' וְלֹא יִסָּעוּ'. כִּי מִיִּרְאַת הַשֵּׁם וּמִשָּׁמְרָם מִשְׁמֶרֶת מִצְוָתוֹ לֹא יִסָּעוּ.

וְכֵן אִם יִהְיֶה הֶעָנָן 'יָמִים מִסְפָּר', כִּשְׁנַיִם אוֹ שְׁלֹשָׁה יָמִים, וְהָיוּ הָעָם יְגֵעִים מְאֹד וְעִנָּה בַדֶּרֶךְ כֹּחָם יַעֲשׂוּ רְצוֹן הַשֵּׁם לָלֶכֶת אַחֲרֵי הֶעָנָן וְסִפֵּר עוֹד (פָּסוּק כא) כִּי יֵשׁ שֶׁלֹּא יַעַמְדוּ רַק לַיְלָה אֶחָד וַיִּסְעוּ בַבֹּקֶר, אע"פ שֶׁהוּא טוֹרַח גָּדוֹל לָהֶם, וְלִפְעָמִים יַעֲמֹד הֶעָנָן יוֹמָם וָלַיְלָה כִּי הָלְכוּ כָּל הַלַּיְלָה וּבָאוּ בַּמָּקוֹם הַהוּא בַּבֹּקֶר וְיָנוּחַ הֶעָנָן שָׁם כָּל הַיּוֹם הַהוּא וְכָל הַלַּיְלָה וְנַעֲלָה בַּבֹּקֶר הַשֵּׁנִי וְנָסְעוּ, וְהוּא טוֹרַח גָּדוֹל מִן הָרִאשׁוֹן כִּי הָיוּ הָעָם סְבוּרִים שֶׁיַּעַמְדוּ שָׁם וּפֵרְקוּ הָעֲגָלוֹת וְהִנִּיחוּ מַשָּׂאָם כְּמִנְהַג הַבָּאִים מִן הַדֶּרֶךְ, וּבְהֵעָלוֹת הֶעָנָן יַחְזְרוּ לִטְעֹן וְלֹא יוּכְלוּ לַעֲשׂוֹת לָהֶם תִּקּוּן לַדֶּרֶךְ 'אוֹ יוֹמַיִם' וַיִּסְעוּ בַּלַּיְלָה.

## יזכו לרב טוב;

די געוואַלדיגע שפע דורך שמירת עינים

יום רביעי פרשת וארא כ"ה טבת תש"פ

**חלק א**

א

# להשקות את הגן; דאָס געשעפט ברענגט נאָך שיינע רווחים, אפילו אין דעם דור פון עקבתא דמשיחא

### אויך אונזער דור מאַכט אַ נחת רוח פאר השי"ת

דער ספה"ק **דברי ישראל** (פרשת וארא) ברענגט פון זיין זיידע, הרה"ק רבי **יחזקאל מקאָזמיר** זי"ע, וואָס האָט געטייטשט דעם פסוק 'והיה עקב תשמעון', אַז דאָס וואָרט 'עקב' גייט אַרויף אויף די גאָר נידריגע נשמות וואָס וועלן זיין אין דעם לעצטן דור פון עקבתא דמשיחא.

דער פסוק זאָגט דאָ, אַז אפילו די שוואַכע נשמות פון 'עקב', וועלן אויך זיין 'תשמעון'. מיר זענען בכלל נישט אויסגעשלאָסן פון תורה ומצוות טראָצדעם וואָס מיר זענען אין אַזאַ נידריגער מצב, ווי ס'שטייט אין **זוהר הק'** אַז "ישראל מפרנסים לאביהם שבשמים' - **דורך אונזער תורה ומצוות ברענגען מיר כביכול פרנסה פאַר'ן רבוש"ע**, ווי דער פסוק זאָגט '**תנו עוז לאלקים**'. ווייל אַזוי האָט השי"ת באַשטימט, אַז דורך אונזער תורה ומצוות זאָל קומען שפע אין הימל. און **דאָס פּאַסירט אויך אין דעם דור פון עקבתא דמשיחא!**

### פון וועמען דען באַקומט מען אין הימל פרנסה?

הרה"ק רבי יחזקאל מקאָזמיר זי"ע האָט צוגעלייגט: **ומי שאומר שהיום אינו כן חס ושלום, הוא שוטה** - איינער וואָס מיינט אַז היינט אַרבעט עס שוין נישט, אַזאַ איינער טראַכט נאַריש. **כי צריך לידע שאנו קיום חנותו של השי"ת על ידי התורה ומצוות שלנו** - מ'דאַרף וויסן אַז מיר גיבן צו לייזן כביכול פאַר'ן 'געשעפט' פון השי"ת, דורך אונזער תורה ומצוות. **ובימים הקדמונים היתה לו חנות גדולה והיה סוחר גדול** - פאַרצייטנס איז טאַקע דאָס געשעפט געווען גאָר גרויס און ס'איז דאָרט געווען אַסאַך סחורה. די פרנסה איז כביכול געווען בריווח מיט די עבודה פון די אבות הק', די שבטי קה, די הייליגע תנאים ואמוראים א.א.וו. וואָס זייער עבודה האָט געברענגט אַ געוואַלדיגע שפע מיט גרויסע רווחים.

**אבל גם היום אנחנו נותנים לו פרנסה** - אָבער אויך היינט צוטאָגס, מיט אונזער צעבראָכענע מצוות, און מיט דעם שוואַכן וועג וויאַזוי מיר טוען דאָס, געבן מיר אים אויך פרנסה. **כי אם לא כן ממי הוא לוקח פרנסה? כלום מעשו וישמעאל הוא לוקח פרנסה?!** - אויב מיר געבן אים נישט קיין פרנסה, פון וועמען דען נעמט כביכול פרנסה? פון עשו אָדער ישמעאל? דער רבוש"ע האָט דאָך אויסגעשטעלט אַ סדר הבריאה אַז די שפע פאר די עולמות העליונים מוז קומען דוקא דורך אונזער וועלטל.

### אַלעס איז געוואָנדן לויט אונזערע שוועריגקייטן

זאָגט הרה"ק רבי יחזקאל מקוזמיר זי"ע ווייטער: **אך צריך לידע שהגם שנותנים לו היום מעט מאוד סחורה, הוא מתפרנס ממנה כמו שהתפרנס ממנה בימים הקדמונים** - נאר מ'דאַרף וויסן אַז טראָצדעם וואָס מיר גיבן אים היינט צוטאָגס גאָר ווייניג צו לייזן, אָבער אָט די ווינציג תורה ומצוות ברענגט למעשה די זעלבע פרנסה כביכול, אַזויווי אַמאָליגע צייטן. **וסיבת הדבר, כי למעלה בשמים שוקלים את התורה והמצוות לפי ערך הנשמות, ולפי ערך הגלות, ולפי ערך הטרדות** - ווייל אויבן אין הימל וועגט מען אָפּ די תורה ומצוות, לויט די נשמות, לויט דעם גלות, און לויט די טרדות. ווען מ'מאַכט אַ חשבון פון די אַלע זאַכן צוזאַמען, קומט אויס אַז היינטיגע צייטן, ווען די נשמות זענען אַזוי שוואַך, דער גלות איז אַזוי גרויס, און די טרדות אַזוי שווער, קען אונזער תורה ומצוות אויך ברענגען שיין פרנסה!

דאָס איז אַ יסוד וואָס מ'דאַרף וויסן, אַז **אַלע עולמות העליונים שטייען און וואַרטן אויף יעדן פּשוט'ן איד פון אונזער דור!** חז"ל ווילן אַז מיר זאָלן דערהערן ווי וויכטיג ס'איז ווען דו ביסט מקיים אַ מצוות עשה, און ווי וויכטיג ס'איז ווען דו האַלטסט זיך איין פון עובר זיין אויף אַ לא תעשה. דו ביסט מפרנס כביכול און גיבסט צו לייזן פאר כביכול. און אַלעס גייט **לפי ערך הנשמות, ולפי ערך הגלות, ולפי ערך הטרדות** - אויב ס'קומט דיר אָן שווער, דעמאָלט אפילו אויב ס'איז ווייניגער אין כמות, איז עס אַסאַך מער ווערד באיכות!

### תורה ומצוות ברענגען בפּועל שפע מיט שכר

דער יסוד איז געבויעט אויף דעם מאמר חז"ל (אבות ה, כג) '**לפום צערא אגרא**', וויפיל שווערער ס'איז צו מקיים זיין תורה ומצוות, אַזויפיל מער איז די פרנסה וואָס דאָס ברענגט אין הימל, און אַזויפיל מער איז דער שכר וואָס מען באַקומט דערפאַר.

די **ספרים הק'** זענען מסביר דעם באַגריף פון 'שכר', אַז דאָס אַרבעט ממש בדרך הטבע. ווען מ'איז מקיים אַ מצוה ברענגט דאָס אַרויף שפע אין הימל, און **די שפע איז אַזויווי וואַסער וואָס טרונקט אַן אַ גאָרטן** און ס'מאַכט אַז ס'זאָל קענען וואַקסן. דאָס זעלבע ווען מ'טוט אַ מצוה,איז דאָס אַזויווי רוחניות'דיגע רעגן וואַסער וואָס מאַכט וואַקסן שפע אויף דער וועלט. דאָס איז דער שכר וואָס מען באַקומט דורכדעם!

אַזוי שטייט בפירוש אין פסוק, אַז אויב ס'וועט זיין '**אם בחוקותי תלכו**', וועט אויטאָמאַטיש זיין '**ונתתי גשמיכם בעתם**'. אויב ס'וועט זיין '**והיה אם שמוע**', וועט ממילא זיין '**ונתתי מטר ארצכם יורה ומלקוש**'. דער רבוש"ע האָט צוגעבינדן די גשמיות'דיגע מציאות העולם אַז ס'זאָל זיין אָנגעהאָנגען אין אונזער רוחניות! עס אַרבעט אַזוי במציאות, אַז **די תורה ומצוות ברענגען שפע סיי אויף דער וועלט**, און זיכער אויבן אין די עולמות העליונים. ישראל מפרנסים לאביהם שבשמים.

### וויאַזוי קען אונזערע שוואַכע מצוות ברענגען גרויסע שפע?

לכאורה דאַרף מען דאָס בעסער פאַרשטיין, **וויאַזוי קען טאַקע זיין, אַז דער שכר איז געוואָנדן לויט וויפיל צער מ'האָט געהאַט ווען מ'האָט געטון די מצוה?!** למעשה איז עס דאָך נישט אויף דער זעלבער מדריגה ווי די אַמאָליגע מצוות און מעשים טובים פון די פריערדיגע דורות?

לאָמיר אַריינטראַכטן בדרך משל: אַ מענטש שלעפּט זיך מיט אַ שיסל וואַסער כדי אנצוטרונקן אַ פעלד אַז ס'זאָל קענען שיין וואַקסן. ווען ער קומט אן זאָגט ער פאר די גראָז און ביימער: **איר קענט זיך נישט פארשטעלן וואָס כ'בין אַלץ דורכגעגאַנגען ביז איך האָב געברענגט דאָס וואַסער...** אויפ'ן וועג האָט מיך איינער געשטופּט און ס'האָט זיך אויסגעגאָסן... ס'איז מיר געווען אַזוי שווער צו שלעפּן, און מיין רוקן טוט מיר ווי דערפון... כ'האָב זיך ממש מוסר נפש געווען. דעריבער דאַרפט איר יעצט וואַקסן בעסער און שטאַרקער...

גייט עס דען אַזוי?! ס'איז טאַקע זייער שיין פון אים, אַז ער האָט זיך אַזוי מוסר נפש געווען צו ברענגען דאָס ביסל וואַסער. **מ'איז אים זייער מחשיב, אָבער מציאות בלייבט מציאות, לויט וויפיל וואַסער ס'איז דאָ, אַזויפיל וועט וואַקסן.** עס טוישט זיך נישט יעצט דאָס מציאות וויבאַלד דער מענטש האָט זיך אָנגעשטרענגט. גוטע רצונות זענען זייער חשוב, אָבער די טבע האָט אַ סיסטעם וויאַזוי עס אַרבעט, אַז אויב לייגט מען ווייניג וואַסער וועט עס

נישט וואַקסן געהעריג.

דאָס זעלבע דאַרף מען פאַרשטיין לגבי רוחניות: **וויאַזוי אַרבעט דער באַגריף פון 'לפום צערא אגרא'?** אויב דער שכר און די שפע וואָס קומט דורך די מצוה איז פונקט ווי וואַסער וואָס מאַכט וואַקסן אַ פעלד, **וויאַזוי ווערט דער שכר גרעסער אויב דער מענטש האָט זיך אָנגעשטרענגט?** סוף כל סוף זענען אונזערע מצוות אַסאַך שוואַכער ווי אַמאָל. מיר האָבן נישט די מוחין און די דביקות פון די פאַרצייטישע צדיקים, **וויאַזוי קען אַזאַ שוואַכע מצוה האָבן די זעלבע חשיבות**, בלויז ווייל ס'איז אונז אָנגעקומען שווער?!

ב

# שכר הוא לכם חלף עבודתכם; די סיבה פאַרוואָס אונזער תקופה איז ב"ה געבענטשט מיט גשמיות'דיגע שפע

### די הכנה צו אַ מצוה מיט אהבה ויראה

די הסבר דערצו איז דער יסוד וואָס מ'האָט געוואוסט ביי חסידים, אַז "די הכנה צו אַ מצוה איז גרעסער ווי די מצוה אַליין". פאַרוואָס טאַקע?! ווייל **יעדע מצוה איז איינגעטיילט אין צוויי חלקים**. ס'איז דאָ דער חלק המצוה **וואָס מ'טוט בפועל**. ביי אַ מצוות עשה טוט מען דאָס 'בקום ועשה', און ביי אַ מצוות לא תעשה טוט מען דאָס 'בשב ואל תעשה'. און דערנאָך איז דאָ **דער חלק המצוה פון אהבת ה' ויראת ה', וואָס ווערט געטון בשעת די הכנה**, ווען מ'גרייט זיך צו טון די מצוה, נאָך איידער מ'איז צוגעגאַנגען צום חלק המעשה.

ווען אַ מענטש גרייט זיך צו אַ מצוה, שפילט זיך אָפּ אין זיין מח און אין זיין האַרץ **הייליגע מחשבות און געפילן איבער די געוואַלדיגע זכי' אַז ער קען מקיים זיין דעם רצון הבורא**. "איך גיי יעצט מאַכן אַ נחת רוח פאַר'ן רבוש"ע! ווייסט וואָס דאָס מיינט?!" דער איד לערנט אין אַ חסידיי'שע ספר ווי חשוב ס'איז די מצוה, זיין האַרץ ווערט נתעורר און זיין מח טראַכט דערוועגן. **ער איז אינגאַנצן איבערגענומען דערפון** אַז ער גייט מקיים זיין די מצוה.

אָט די הכנה צו דער מצוה, ווען ס'קאָכט זיך די מח און דאָס האַרץ, איז נאָך גרעסער פון דער מצוה אַליין. ווייל די פעולה פון דער מצוה מאַכט מען בלויז **מיט די דרויסנדיגע אברי הגוף**, אָבער די הכנה מאַכט מען **מיט די אינערליכע נפש און נשמה**, מען איז יעצט מקיים אהבת ה' און יראת ה', וואָס איז זיך נאָכדעם מתחבר צו די 'מעשה' פון דער מצוה וואָס מ'גייט טון שפּעטער. די 'פעולה' פון דער מצוה איז בלויז דער לעצטער חלק, און **ס'איז זיך מצטרף צו די אהבה ויראה וואָס מען האָט געהאַט ביי דער הכנה**, און אַזוי ווערט טאַקע געענדיגט די מצוה בשלימות.

### די הכנה איז די טיפסטע חלק פון דער מצוה

דאָס הייסט אין אַנדערע ווערטער, אַז די מצוה הייבט זיך אָן מיט דער 'הכנה', ווען אַ איד גרייט זיך מיט'ן האַרץ און מיט'ן מח, און די מצוה ענדיגט זיך מיט דער 'מעשה' וואָס ער טוט בפועל.

אודאי איז אויך אמת, אַז אויב דער מענטש גייט נישט מקיים זיין די מצוה למעשה, גייט עס נישט בכלל גערעכנט ווערן פאַר אַ מצוה, ווייל **דער רבוש"ע וויל דוקא אַז מ'זאָל מקיים זיין די מצוה אין עולם העשיה**, און דאָס איז מעכב די מצוה, אפילו אויב מ'האָט געהאַט אַלע גוטע כוונות. אָבער ווען אַ איד האָט יאָ מקיים געווען די מצוה כתיקונה, איז זיכער אַז די הכנה צו דער מצוה איז נאָך אַ טיפערע חלק פון דער מצוה, **ווייל דאָס איז געטון געוואָרן מיט'ן מח און מיט'ן האַרץ!**

### פאַרוואָס אַן אונס איז 'כאילו עשאה'

דערפאַר זאָגן אונז **חז"ל** (קידושין מ, א) אַז אויב מ'האָט געוואָלט טון אַ מצוה און מ'האָט נישט געקענט צוליב אַן אונס, **ווערט דאָס גערעכנט כאילו מ'וואָלט עס מקיים געווען**. אויב ס'איז געווען 'חשב אדם לעשות מצוה', אָבער 'ונאנס ולא עשאה', איז נאָך אַלץ 'מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה'. ווייל דער עיקר רצון ה' איז, אַז דער איד זאָל אַריינברענגען אין זיין נפש די מחשבות און הרגשים פון אהבה ויראה, און דערנאָך זאָל ער טון די פעולה פון דער מצוה. ס'זאָל נישט בלייבן נאָר אין מח, נאָר ס'זאָל אַריינקומען אין דער וועלט.

צום ביישפיל אויב מען באַגעגנט אַן אָרימאַן, איז דער רצון ה' אַז דער איד זאָל זיך נעמען קאָכן: **וואָס הייסט? דער רבוש"ע האָט מיר יעצט געגעבן אַ זכות צו ווערן אַ מרכבה לשכינה, 'מה הוא חנון אף אתה חנון'!** און מיט אָט די התרגשות זאָל ער לויפן צום אָרימאַן און אים געבן למעשה אַ נדבה.

אויב איז דער אָרימאַן שוין אוועקגעגאַנגען, **ווערט דאָס ווייטער אויך גערעכנט כאילו דער מענטש האָט געגעבן די צדקה**, ווייל די עיקר קיום המצוה איז אין האַרץ און אין מח, ווידעראום **דער חלק פון עשיה ווענדט זיך לויט וויפיל דער רבוש"ע ערלויבט פאַר'ן מענטש דאָס צו קענען טון בפועל**. אויב האָט פּאַסירט אַן אונס איז פשט דערפון אַז השי"ת האָט געוואוסט אַז **יעצט פאָדערט זיך נישט אַז דער מענטש זאָל מאַכן אַן עשיה**. ס'איז גענוג אַז ער זאָל אָנגרייטן זיין האַרץ און זיין מח, און דורכדעם האָט ער שוין מקיים געווען די שלימות'דיגע מצוה וואָס וועט אים ברענגען קרבת אלקים.

> האָט ער דאָ אַריינגעברענגט ליכטיגקייט פון השי"ת אין אַ פּלאַץ וואו ס'איז געווען פינסטער

### אַז ס'קומט אָן שווער - איז דאָ געווען אַסאַך מער רצון ה'

לויט דעם יסוד איז זייער פאַרשטענדליך, אַז ווען אַ איד מוטשעט זיך ביים מקיים זיין אַ מצוה, **איבערהויפּט ווען ער דאַרף זיך מתגבר זיין נישט צו נכשל ווערן מיט אַ לא תעשה**, און ס'קומט אים נישט אָן גרינג. דעמאָלט קוקט מען נישט בלויז אויף דעם מציאות הדברים אַז למעשה האָט ער זיך מתגבר געווען. נאָר די עיקר חלק פון דער מצוה איז **די מלחמה וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי אים אין האַרץ**; דער גאַנצער געראַנגל אַהין און צוריק; די משיכה וואָס ער האָט געהאַט און ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן, אָט **דאָס איז אַסאַך חשוב'ער ווי דער חלק העשיה זעלבסט**. ווייל דאָס איז פאַרגעקומען אין די טיפערע חלקים פון דעם מענטש און דעריבער איז דאָס אויף אַסאַך אַ העכערע דרגא! ס'ליגט דאָרט אהבת ה' מיט יראת ה', וואָס איז אַסאַך מער ווי די עצם מעשה פון דער מצוה.

### לפום צערא אגרא - ווייל ס'איז געווען מער קיום המצוה

דאָס איז די סיבה פאַרוואָס 'לפום צערא אגרא', ווייל ווען אַ איד ראַנגלט זיך מיט דער מלחמת היצר; ווען ער טראַכט 'יאָ, ניין', און ער האַלט זיך צוריק, **איז דאָס אַליין די העכסטע חלק פון דער מצוה, וואָס איז כביכול מפרנס לאבינו שבשמים**. אודאי ברענגט דאָס אַראָפּ די גרעסטע שפע וואָס קען נאָר זיין!

וויפיל שווערער ס'איז אָנגעקומען די התגברות, האָט דער איד יעצט אַריינגעברענגט אַ גרעסערע ליכטיגקייט אויף דער וועלט. ווייל ווען אין זיין האַרץ האָט געהערשט אַ גרויסע חושך, און ער האָט זיך געשטאַרקט, **האָט ער דאָ אַריינגעברענגט ליכטיגקייט פון השי"ת אין אַ פּלאַץ וואו ס'איז געווען פינסטער**. ער האָט בפועל געברענגט מער וואַסער צו אָנטרונקען דעם גאָרטן! די צער מאַכט אַז די מצוה זאָל זיין אַסאַך שטאַרקער און ס'זאָל ברענגען אַסאַך מער שפע.

### זיך איינהאַלטן איז די גרעסטע פרנסה פאַר כביכול

דערפאַר זאָגט אונז חז"ל (קידושין לט, ב): **ישב אדם**

**ולא עבר עבירה, נותנים לו שכר כעושה מצוה.** און די גמרא לייגט צו, אַז מ'רעדט דאָ אַז ס'איז געווען **'בא דבר עבירה לידו וניצול ממנו'**. ס'איז געווען אַ מצב ווען ער האָט געקענט נכשל ווערן, און ער האָט זיך געראַטעוועט דערפון. (היינטיגע צייטן מיינט 'בא לידו' ממש כפשוטו, מען האַלט עס אין דער האַנט און מ'דאַרף זיך מתגבר זיין...)

ווען אַ איד שטאַרקט זיך אין אַזאַ נסיון ווערט דאָס גערעכנט ממש ווי ער וואָלט געטון אַ מצוה. **ווייל ער האָט דאָ געטון די גאַנצע הכנה צו אַ מצוה!** ווען ער האָט געהאַט די משיכה און ער האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אהבת ה' און יראת ה', **האָט ער מפרנס געווען לאבינו שבשמים**, און דאָס ברענגט אַ שכר - לפום צערא אגרא - מיט אַ שפע וואָס קומט אַראָפּ אויף דער וועלט, נאָכמער ווי ער וואָלט מקיים געווען דער חלק המעשה פון דער מצוה.

## אונזער לעבן אין אַ נידריגע וועלט

אין די יעצטיגע לעצטע דורות פון עקבתא דמשיחא, האָבן אונז שוין חז"ל פאָראויסגעזאָגט אַז ס'איז אויסגעשטעלט געוואָרן מתחלת הבריאה אַז **די נשמות וועלן ווערן אַלץ נידריגער און קלענער.** ס'איז נישט פשט אַז דאָ איז עפּעס געשען אַ טעות, ווייל דער עולם האַלט נישט דערביי... "אַמאָל פלעגט מען קענען הערן אַ שיעור זעקס שעה ברציפות... מיין זיידע בעפאָר די מלחמה איז געווען אַ ריכטיגער איד, אָבער היינט..." **דאָס האָט השי"ת אַזוי געמאַכט לכתחלה!** די צדיקים בעלי רוח הקודש האָבן דאָס קלאָר געשריבן און געזאָגט, אַז פונקט אַזוי גייט עס זיין.

עד כדי כך אַז דער **ערבי נחל** (פרשת בהר) ברענגט פון רבי **חיים וויטאַל** ז"ל אַז ווער ס'קען רעכענען וויאַזוי ס'גייט די ירידה פון די נשמות שטאַפּל נאָך שטאַפּל, קען וויסן ווען משיח וועט קומען! ווייל ווען די נשמות וועלן אַראָפּגיין אַזוי נידריג, אַז מ'וועט שוין נישט קענען פאַלן טיפער, **דעמאָלט וועט זיין די גאולה.** ווען ס'וועט זיין **'נפלה לא תוסיף קום'**, מ'וועט פאַלן צו אַ פּלאַץ וואו מ'קען שוין נישט ווייטער פאַלן, דעמאָלט וועט זיין **'קום בתולת ישראל'.**

## די שפע היינטיגע צייטן - אַ רעזולטאַט פון התגברות היצר

אָבער טאַקע אין דעם דור, מיט די שוואַכע נשמות פון עקבתא דמשיחא, וואו ס'איז אַזוי נישט גרינג זיך מתגבר צו זיין, **קומט אַראָפּ אַ געוואַלדיגע שפע לפי ערך פון די שוועריגקייט!** מיר געפינען זיך טאַקע אין אַ שווערן דור, וואָס 'אין לך יום שאין קללתה מרובה מחברתה' און אידישע קינדער דאַרפן אַ גרויסע ישועה, מ'וואַרט יעדן טאָג אַז השי"ת זאָל אונז שוין אויסלייזן פון דעם חשכות הגלות. אָבער צוזאַמען דערמיט **איז ב"ה אויך פאַראַן אַ געוואַלדיגע שפע פון גשמיות.** עס בויען זיך אַזויפיל אידישע שטיבער קיעה"ר. עס בויען זיך קהלות, חסידות, כוללים, מוסדות התורה, מיט אַ געוואַלדיגע ריבוי פון טוב, סיי בכמות און סיי באיכות.

פון וואו קומט די גרויסע שפע?! יעדע השפעה פון הימל דאַרף דאָך האָבן אַ מקור פון וואו דאָס ווערט נתעורר?! די תשובה איז ווי הרה"ק רבי **יחזקאל מקאזמיר** זי"ע זאָגט, אַז ווער ס'טראַכט אַז היינט ברענגט שוין נישט אונזער עבודה קיין שפע, אַזאַ איינער איז אַ שוטה און ער האָט אַ גרויסן טעות.

יעדע קליינע מעשה וואָס אַ איד טוט פאַר'ן רבוש"ע, יעדעס מאָל וואָס ער האַלט זיך צוריק פון קוקן וואו מ'דאַרף נישט; יעדעס מאָל וואָס אַ איד האָט אַ מלחמה מיט זיין יצר הרע, ברענגט דאָס אַ ריזיגע שפע, ווייל היות ס'קומט אָן אַזוי שווער יעדע התגברות, צוליב די נידריגע נשמות און די גרויסע שרעקעדיגע נסיונות, **דאַרף מען זיך אַסאַך מער שטאַרקן מיט אהבה ויראה, און דאָס איז כביכול מפרנס דעם רבוש"ע מיט אַ גרויסע רווח!** אַמאָליגע צייטן איז ניטאַמאָל געווען אַזאַ מציאות אַז מ'זאָל קענען זיך מתגבר זיין הונדערטער מאָל אַ טאָג, און דערפאַר זענען מיר זוכה צו אַ שפע פון הימל.

## ישראל מפרנסים לאביהם שבשמים דוקא אין תשפ"ה

אַז מ'איז זיך מתבונן אין דעם היינטיגן מציאות החיים האָבן מיר היינט די געלעגנהייט צו זיין אַ 'יושב ולא עבר עבירה' ממש יעדע מינוט! לויט די אומשטענדן פון אונזער דור, **זענען מיר אין אַ מצב פון 'בא דבר עבירה לידו' אַגאַנצן צייט!** מ'קען יעדע רגע אָנקומען צו זאַכן קעגן דעם רצון ה', מ'קען ח"ו אַזוי גרינג אַריינפאַלן, און מ'וואָלט זיך אפילו געקענט מורה היתר זיין אַז ס'איז נישט געפערליך...

אָבער טאַקע צוליב דעם, ווייל ס'איז אַזוי שווער, **קומט אויס אַז ס'איז דאָ אַסאַך אַ גרעסערע שטאַפּל פון 'ישראל מפרנסים לאביהם שבשמים'.** יעדעס מאָל וואָס מ'האַלט מלחמה קעגן אַ ראי' אסורה, איז מען מפרנס לאבינו שבשמים! די מלחמה אַליין, דאָס איז די גרעסטע קיום המצוה, און דאָס ברענגט אַ געוואַלדיגע שפע. **די השפעות קומען אַראָפּ אַדאַנק דעם וואָס מיר האָבן אינוועסטירט אַסאַך התגברות היצר.** ס'לאָזט זיך גאַרנישט זאָגן די קרבת אלקים וואָס אַ מענטש באַקומט דורך זיין אָן 'עוצם עיניו מראות ברע'.

ג

# אל תפנו אל האלילים; שמירת עינים איז פונקט ווי התרחקות פון עבודה זרה

### אַ פגם אין קדושה דערווייטערט פון השי"ת

אין **זוהר הק'** (פרשת קדושים) שטייט אַ מורא'דיגע לשון: **רבי שמעון כד הוה חמא לאינתו שפיראן, מאיך עיניה, והוה אמר לחברייא 'אל תפנו'.** ווען רבי שמעון האָט געזען אַז ס'איז דאָ נשים, האָט ער געזאָגט פאַר זיין חבריא דעם לשון הפסוק (ויקרא יט, ד) **אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִם.** דער זוהר הק' זאָגט דאָרט ווייטער אַז ווען מ'קוקט חלילה ראיות אסורות איז מען עובר אויף דעם לאו פון **וֵאלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם.** טאָמער מ'איז נישט נזהר אין שמירת עינים איז דאָס אַן ענין פון עבודה זרה, ווייל מ'גייט דורכדעם אַוועק פון דעם רבוש"ע.

דער **באַרנובער רב** זצ"ל האָט דערציילט אַז אַמאָל איז געווען ביים הייליגן **צאַנזער רב** זי"ע, שבת פרשת שלח, ווען ער האָט געדאַרפט זאָגן תורה, האָט ער גענומען אַ חומש און דורכגעבלעטערט די גאַנצע פרשה ביז ער אָנגעקומען צום פסוק 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם', און ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק זיך צו קאַכן און קלאַפּן מיט די פיס און געזאָגט: **"דער פשוט'ער פשט איז, איר זאָלט נישט נאָך גיין נאָך אייערע הערצער און נאָך אייערע אויגן, נאָר פאַר'ן 'אין סוף' דאַרף מען אויסגיין!".**

די השפעות קומען אַראָפּ אַדאַנק דעם וואָס מיר האָבן אינוועסטירט אַסאַך התגברות היצר

די פשט דערפון איז, אַז דער מענטש קען גיין אויף צוויי דירעקציעס: **אָדער קען ער זיך אָפּהיטן בקדושה און דורכדעם זיין נאָענט מיט'ן רבוש"ע.** אָדער קען ער חלילה גיין צו עבירות וואָס דעמאָלט **האָט ער פאַרגעסן פונעם אויבערשטן.** מ'זעט דאָס אויך אין די פסוקים פון קריאת שמע, אַז נאָך דעם לאו פון 'ולא תתורו' שטייט אין פסוק 'למען תזכרו ועשיתם את כל מצוות ה'', אויב מ'גייט נאָך די אויגן **איז מען חלילה אַוועקגעגאַנגען פון דער גאַנצער תורה**, און אויב מ'האָט מקיים געווען 'ולא תתורו', איז **מען געוואָרן נאָענט צום רבוש"ע.** ס'איז אַזוויי מען געדענקט און מ'איז מקיים אַלע מצוות ה'.

## זיך מתגבר זיין אויף טויזנט חיצונים

דער **חפץ חיים** ברענגט אין זיין ספר **מחנה ישראל** (ח"א פי"ח) בשם ספרים הקד': אַז ס'איז דאָ גאָר אַסאַך כוחות פון די חיצונים וואָס שטייען אַרום די אויגן פונעם מענטש און זענען אים מפתה אַז ער זאָל עפענען די אויגן און קוקן וואו מ'דאַרף נישט, כדי אים צו מכשיל זיין חלילה השם ישמרינו. און

דער חפץ חיים פירט אויס בזה"ל: **אשריהם לאלו שזוכרין את יוצרם ומתגברים על יצרם, ועוצמים עיניהם כדי שלא ליהנות מדבר עבירה בעוה"ז, ומתוך כך זוכין בעצמן להקביל פני השכינה!**

אן ענליכע מימרא איז דאָ פון דעם **קאָצקער רבי** זי"ע: "יעדער מענטש האָט טויזנט חיצונים וואָס אַרבעטן אַז ער זאָל עפענען די אויגן. ווען דער מענטש איז זיך מתגבר אויף זיין יצר הרע איז ער זיך מתגבר אויף טויזנט חיצונים".

די סיבה פאַרוואָס די חיצונים אַרבעטן אַזוי שווער, און פאַרוואָס ס'איז דאָ אַזויפיל כוחות וואָס שטופּן און וואַרטן אַז דער מענטש זאל חלילה נכשל ווערן, איז **ווייל זיי ווייסן גוט אַז דער מכשול ברענגט חלילה אַז דער מענטש זאל אינגאַנצן אַוועקגיין פון השי"ת**, ווי דער זוהר הק' זאָגט אַז דאָס איז ממש אַזויווי עבודה זרה.

דאָס ענין פון קדושה איז עפּעס וואָס ברענגט אַז מ'זאָל חלילה ווערן אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דעם רבוש"ע. און ליידער זעט מען עס בחוש אַז אַ מענטש וואָס פאַלט אַריין אין דעם ענין, **פאַרלירט אַלעס**. דאָס איז אַ גליטשער וואָס קומט אָן ביז'ן תהום. ס'איז אַסאַך אַרגער פון אַלע אַנדערע מצוות לא תעשה'ס וואָס דאַרפן האָבן חיזוק, אָבער ס'ברענגט נישט דעם מענטש אַז ער זאָל ממש בלייבן מיט גאָרנישט, ווייל די ענינים פון קדושה האָבן ממש דעם זעלבן גדר ווי עבודה זרה. **ומדה טובה מרובה!**

# נקודה למחשבה

## יונגעלייט גייען וואוינען אין נייע ישובים פאר זייער שלימות הנפש

מתוך שיעור - יום ראשון פרשת קרח כ' סיון תשע"ט

### ווען מ'שיקט פון הימל צו אַ נייע ישוב

די **גמרא** זאָגט אין מסכת **בבא מציעא** (דף עה, ב): **האי מאן דביש ליה בהא מתא ליזל למתא אחריתי** - ווען ס'איז נישט גוט אין זיין פלאַץ זאָל ער אַריבערגיין וואוינען אין אַן אַנדערע פלאַץ. בפשטות איז דער טעם דערפון ווייל 'משנה מקום משנה מזל', אויב דער מענטש וועט טוישן זיין וואוינאָרט, וועט זיך אויך טוישן זיין מזל מיט אַן אַנדערע און בעסערע הנהגה.

אָבער דער **ישמח משה** (ליקוטים) זאָגט אַז דאָס איז אַ טעות. די אמת'ע באַדייט איז, אַז ווען אַ מענטש דערזעט זיך אַז ס'איז אים נישט גוט אויף אַ פלאַץ, איז **דאָס אַ סימן פון הימל אַז ער דאַרף אַריבערגיין צו אַן אַנדערע שטאָט**, ווייל דוקא דאָרט וועט ער קענען אַנטפלעקן 'זיין' ספעציעלע חלק התורה! **דער רבוש"ע שטופּט דיך צו גיין וואוינען אויף אַן אַנדערע פלאַץ, ווייל דיין חלק התורה דאַרף דאָרט נתגלה ווערן!** דאָס קען נישט געשען אויף דעם אָרט וואו דו געפינסט זיך יעצט!

### דיין תפקיד וועט דאָרט ערפילט ווערן

אַסאַך אינגעלייט באַקלאָגן זיך אַז זייערע געשוויסטער האָבן נאָך געקענט קויפן הייזער צו וואוינען נעבן זייערע עלטערן, אָבער זיי זענען שוין געצווינגען צו גיין זיך באַזעצן אין נייע געגנטער, וויבאַלד די דירות מאַרקעט איז אַרויפגעשפּרונגען שרעקליך טייער. מען זעט וויאַזוי דאָס איז געשען אין דער זעלבער תקופה ממש אין דער גאַנצער וועלט, אַז אידן וואָס זוכן נייע דירות מוזן גיין וואוינען אין פרישע ישובים, ווייט פון זייערע עלטערן.

ס'איז דאך קלאָר אַז נישט אַלעמאָל קומט דאָ אַריין דאָס ענין פון "הרואה יסורים באים עליו יפשפש במעשיו", אָבער ס'איז אַלעמאָל יאָ רעלעוואַנט דער יסוד פון אמונה ובטחון - **פון הימל פירט מען אַזוי אַז דו זאָלסט גיין וואוינען אין דעם פאַרשטופּטן מקום, ווייל די הצלחה פון דיין מיוחד'יגע חלק התורה געפינט זיך אויף דעם נייעם פלאַץ!** דוקא דאָרט וועסטו משלים זיין די תכלית פאַרוואָס דו ביזט אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט!

מ'קען אפילו זען בגשמיות ווי אין די נייע ישובים ווערט איינער אויפגענומען פאר אַ מלמד, אַ צווייטער אַלץ ראש הכולל, אַ דריטער פאר אַ 'משגיח כשרות', א.א.וו. אָבער דאָס איז נישט בלויז נוגע לגבי דעם פּאָסטן, נאר בכלליות, **איז יעדע פלאַץ געאייגנט פאר געוויסע נפשות**, וואָס בלויז דאָרט וועלן זיי צוקומען צו זייער שלימות.

### אין יעדע געגנט איז דאָ אַ חלק בתורה וואָס דאַרף מתוקן ווערן

אַזוי זאָגט דער **אור החיים הק'** אין פרשת מסעי, אַז אידישע קינדער האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי יעדע פון די מ"ב מסעות לויט ווילאַנג מען האָט געדאַרפט מעלה זיין די 'ניצוצות' פון דעם פלאַץ. גלייך ווען מען האָט געענדיגט משלים זיין דעם תכלית פון דעם פלאַץ, האָט מען דאָס פאַרלאָזט און מען איז געפאָרן צו דעם קומענדיגן אָרט, צו מתקן זיין די דאָרטיגע 'ניצוצות'.

דער רבוש"ע שטעלט אונז דאָס אַזוי אויס, אַז **מיר זאָלן אָנקומען אויף דער ריכטיגער פלאַץ וואָס איז געאייגנט פאר אונזער נשמה.** מען דאַרף פשוט מתפלל זיין אַז דער אויבערשטער זאָל אונז ליכטיג מאַכן די אויגן, דאָס צו שטענדיג געדענקן און וויסן, ווייל אויב דער מענטש עקשנ'ט זיך וועט מען אים מוזן חלילה צווינגען פון הימל. ער וועט בהכרח מוזן אָנקומען צו דעם ריכטיגן פלאַץ וואָס פאָדערט זיך, דאָרט צו משלים זיין דעם חלק התורה פאר זיין נשמה.


פטרון החודש

לע"נ **אפרים פישל** בן **משה יצחק הכהן** ז"ל

פטרון השבוע

**לזכות שלמה** בן **רויזא**

פטרוני הפצה בהרי האקעטסקילס

קרית ויואל משה סאטמאר (איחוד):
נתנדב ע"י **הרוצה בעילום שמו**
לע"נ **הגה"ק מסאטמאר רבינו יואל** בן **הרה"ק חנניי' יו"ט** זצוק"ל

Apple tree supermarket
נתנדב ע"י **הרוצה בעילום שמו לזכות את הרבים**

יש להשיג הגליונות בהרי הקעטסקילס במשך הקיץ אצל:

**קרית ויואל משה סאטמאר (איחוד)**
אצל המקוה
240 Forestburgh Rd, Monticello, NY

**Apple Tree Supermarket**
1885 NY-52, Liberty, NY

לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini.com

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק: ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62 / ביהמ"ד קראסנא לאקער #166 / ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה / ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה / The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג: ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213 / ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58 / Central Market / ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל / ביהמ"ד קראָל–שמש שטיבעל

מאנסי: ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13 / ביהמ"ד דעלעטין / ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont / ביהמ"ד דאמבראווא / ביהמ"ד ויואל משה סאטמאר / ביהמ"ד ווילעדניק / ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי / ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

קרית יואל: ביהמ"ד אהל פיגא / ביהמ"ד בית אלעזר / ביהמ"ד בית מנחם זאב / ביהמ"ד ישמח משה / ביהמ"ד אבני צדק / ביהמ"ד רב טוב / ביהמ"ד בית דוד

לאנדאן: ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42 / ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקער 25 / ביהמ"ד ביאלא 45 לאקער 33 / ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד / ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"ד

קול הביניני: ארה"ב 718.686.8300 | א"י 072.257.7726 | בריטניה 0204.586.2115 | בלגיה 03.300.0223